Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראשען — היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 244 | Łódź, Czwartek, 20 października 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, כ׳ תשרי תרצ״ג | № 244

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# הינדענבורג אראפגעפאלען
## פון א שטאק טרעפען אוז איז ערנסט קראנק

בערלין, 19. (ספ. טעל.) דער פרעזידענט הינדענבורג איז אראפגעפאלען פון א שטאק שטיגען ער איז פערוואונדעט געווארען.
מ׳גיט איבער, אז ער איז ערנסט קראנק.

## פויזנער משפטים

פויזען, 19. (ספ. טעל.) פאר׳ן קרייז-געריכט אין פויזען האט זיך אפגעשפילט דער עפילאג פון די אנטי-יודישע געשעהענישען אויפ׳ן פרייהייטס-פלאץ. דאס געריכט האט פעראורטיילט דעם בעשולדיג טען לושאק אויף 10 חדשים טורמע פאר׳ן שלאגען דעם קונסט-מאלער, פראפ. דאלזשיצקי.
די איבריגע בעשולדיגטע זענען מחמת מאנגעל אין בעווייזען, פריי געשפראכען געווארען.



טשעכאסלאוואקישער פרעמיער אודרזשאל האט זיך אנגעבען אין דימיסיע.

## הערריאָט רעדט
### וועגען דעם, וואס ער טוט אויף איז פראנקרייך

פאריז, 19. (ספ. טעל.) אויף א באנקעט, וואס איז געמאכט אראנזשירט געווארען דורך דער פראווינציעלער פרעסע האט הערריא געהאלטען א רעדע, אין וועלכער ער האט צ. א. געזאגט:
פראנקרייך ווערט דורך איינציגע בעקעמפט, און דורך אנדערע שלעכט פערשטאנען. איך בעגעגען זיך אפט מיט א ווידערווילען בנוגע אונזער לאנד, וואס איז זיך סומך אויפ׳ן נישט פערשטיין אונזערע הצטרכות׳ן און אינטערעסען.
דאס דערהאלטען דעם שלום, צו וועלכען די מענשהייט שטרעבט אזוי, איז נישט פון די גאר לייכטע זאכען.
דער נויטיגסטער בעדינג פאר׳ן דערהאלטען דעם שלום איז דאס איז וועגן דאס רעכטמעסיגקייט.
פראנקרייך קאן קיינער נישט פארווארפען, אז זי האט עובר געווען אויף איהרע התחייבות׳ן.
פראנקרייך ארבייט מיט גרויס אנשטרענגונג, כדי צו פערזיכערען די זיכערקייט נישט נאר פאר זיך, נאר אויך פאר די פערבינדעטע.
ער, הערריא, שיצט פראנקרייך נישט, ווי א פאטער שיצט זיינע קינדער, נאר ווי א מענש, וואס איז ביי דעם סוף פון זיינע יאהרען געקומען צו דער גרויסער דערקענטעניש, און פונ׳ם גרויסען ספר החיים שעפט ער די אנווייזונגען, אויף וואס פאר אנ׳אופן בעסער צו דינען זיין לאנד.

## דער סאציאליזם אין שפאניען

פאריז, 19 (ספ. טעל.)
דער גענעראל-סעקרעטאר פון דער ארבייטס-קאנפעדעראציע, זשוהא, וועלכער געפינט זיך איצט אין שפאניען, האט דערקלערט צ. א. פאר׳ן קארעס-פאנדענט פון האוואס, אז די שפאנישע ארבייטער-ארגאניזאציע איז איינע פון די מעכטיגסטע, און אז דער סאציאליזם האט א גרויסע השפעה אויפ׳ן פערלויף פון די פאליטישע געשעהענישען אין שפאניען.

אונזער נייער ראמאן
# משפחות אין פלאמען
הויבט זיך אן צו דרוקען אין מארגענדיגען נומער פון
„נייעם פאלקסבלאט"

**דער נייער ראמאן** וועט אריינפיהרען די לעזער אין לעבען פון די יודישע גבירישע הייזער, וועלכע זענען אונטערגעגאנגען און חרוב געווארען אין די לעצטע קריזיס-יאהרען.

**דער נייער ראמאן** וועט אויפדעקען אלע פערבארגענע סודות אין די דאזיגע הסידיש-נגידישע הייזער, אלע סענסאציאנעלע פאסירונגען, וואס זענען דארט פארגעקומען, אלע אידעאלע ליבעס, וואס זענען דארט געפיהרט געווארען און אלע פערברעכענס, וואס זענען דארט בעגאנגען געווארען.

**דער נייער ראמאן** וועט געבען א פולשטענדיגע אפשפיגלונג פון דער בעציהונג פון עלטערן צו קינדער און קינדער צו עלטערן אין די יודיש-גבירישע הייזער און איבערגעבען די טראגעדיע פון א מאמען, וועלכע ס׳קומט אויס צו וואלגערן זיך אין גאס ביי איהרע גבירישע קינדער.

**אונזער נייער ראמאן** וועט זיין דער סענסאציאנעלסטער, וואס איז געדרוקט געווארען ביז-איצט אין די צייטונגען.

קיינער טאר נישט פערפעהלען צו לייענען
דעם אנהויב פון אונזער נייעם ראמאן
„משפחות אין פלאמען"
מארגען אין
„נייעם פאלקסבלאט"

## טיטולעסקו עקשנ׳ט זיך

וויען, 19 (ספ. טעל.)
לויט ידיעות פון בוקארעשט, איז בעת דער נעכטיגער קאנפערענץ צווישען מאניו׳ן און טיטולעסקו׳ן נישט געקומען צו קיין הסכם.
מען דארף זיך, אלוא, רעכענען, מיט דער מעגליכקייט, אז טיטולעסקו וועט נישט אריין אין מאניו׳ס נייע רעגירונג.

## א שטורעם-ווינט

לייפציג, 19 (ספ. טעל.)
איבער זאקסען איז נעכטען אדורך א געוואלדיגער שטורעם, וואס האט אנגעמאכט גרויסע היזקות אין די בנינים און בעוואלדונג.
אין דער געגענד ראטא איז, אונטער׳ן אנגריף פון שטורעם, איינגעפאלען א קלויסטער-טורעם.
די שטיקער מויער האבען שווער פערוואונדעט עטליכע ארבייטער, וועלכע זענען גראד פערבייגעגאנגען דעם קלויסטער.

## מאקדאנאלד, אלס פארזיצער פון דער ווירטשאפטס-קאנפערענץ

לאנדאן, 19 (ספ. טעל.)
מאקדאנאלד האט נעכטען דערקלעהרט אין פארלאמענט, אז ער איז איינגעלאדענט געווארען צו איבערנעהמען דעם פארזיץ אין דער וועלט-קאנפערענץ פאר ווירטשאפטס-ענינים, און אז ער וועט די דאזיגע איינלאדונג אננעמען.

## קאנפיסקירט א טראנספארט געוועהר

בערלין, 19 (ספ. טעל.)
די פרעסע איז מודיע וועגען דעם קאנפיסקירען דורך דער האלענדישער מאכט אין ראטערדאם א גרעסערען טראנספארט געוועהר און אמוניציע, וואס איז בעשטימט געווארען פאר דייטשלאנד.

## אנ׳אויטא אריין אין טייך

ליאן, 19 (ספ. טעל.)
לע׳ם בריאנסאן האט א האלב-לאסט-אויטא, מיט וועלכען עס זענען געפאהרען 7 פערזאן, איבערגעבראכען דעם פארענטש פון א בריק, און איז אריינגעפאלען אינ׳ם טייך דיראנס.
4 פערזאן זענען דערטרונקען געווארען, און 3 זענען שווער-פערוואונדעט.

זאל פון שטאט-ראט, פאמארסקע 18.
זונטאג, ד. 23-טן ד. ח., 10 א זייגער פרי קומט פאר
## א רעציטאציע-פרימארגן
פון באליבטען ארטיסט און רעציטאטאר
# יעקב ווייסליץ
אין פראגראם: הומארעסקען, נאוועלן, פראגמענטען, און פאעזיע פון י. ל. פרץ, י. מ. ווייסענבערג,
:–: י. אפאטאשו, שלום עליכם, מ. נאדיר א.א. :–:
בילעטען צום פרייז פון 75 גר. ביז 1 זל. שוין צו באקומען אין ארבעטער-ווינקל, פאלודניאווע 20.
6401

מיר עמפפעהלען אויף יום-טוב
## גלאז, פארצעלאן, קרישטאל
אינלענדישע און אויסלענדישע אין א גרויסען אויסוואהל
צו בילליגע פרייזען
# Warszawiak i Gurman
dawn. **ĆMIELÓW**
Łódź, Piotrkowska 31, tel. 156-89.

